# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת בהר תשפ"ד לפ"ק**

### דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה גדולה

יום ה' פרשת בהר תשפ"ד לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז די מצוה פון שמיטה. שש שנים תזרע שדך, זעקס יאר האט מען געארבעט, ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ שבת לה' (ויקרא כה-ג), די זיבעטע יאר זאל זיין שבת לה', שבת פארן אייבערשטען, מען טוט נישט קיין מלאכה אין דעם פעלד, די יאר פון שמיטה. די מצוה פון שמיטה האט כמה טעמים, אין די ראשונים שטייט א טעם, פארוואס דער באשעפער האט אזוי געהייסן. א יוד איז מחויב צו לערנען שטענדיג, ווען מען האט פרייע צייט, איז מען עס מחויב אויסצונוצן פאר לימוד התורה. יעדע מינוט וואס מען קען לערנען, און מען לערנט נישט, איז מען מבטל א מצוה פון די תורה. א מענטש דארף האבן צייט פאר עסן, טרינקען, שלאפן, און אביסל זיך צו צושטרייען וכדומה, האט די תורה מתיר געווען. אבער סתם אנברענגען צייט, איז מען מחויב על פי תורה צו לערנען.

**פון** דעסטוועגן דאך, געפונט מען אין די גמרא (ברכות לה:) אז די אמוראים האבן געזאגט פאר די תלמידים, אז חודש ניסן און תשרי זאלן זיי נישט קומען אין בית המדרש. עס איז געווען די צייט וואס מען האט בא'ארבעט די פעלדער, תשרי האט מען איינגעזייעט, גאנץ ווינטער איז געלעגן די זריעה אינעם פעלד, און ניסן איז געווען די צייט פון קציר, דעמאלטס האט מען געשניטן די תבואה. מען דארף דאך האבן פרנסה פון וואו צו לעבן, די עיקר ארבעט אמאל ביי יודען איז געווען פעלד ארבעט, האט מען געזאגט, אז ניסן און תשרי לא תתחזו קמאי, קומטס נישט אין בית המדרש, טוטס פאר פרנסה, כדי עטץ זאלטס האבן פון וואס צו לעבן. א יוד איז מחויב צו טון פאר זיין פרנסה, כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען די איבריגע צייט. - קומט אויס, אז יעדע יאר האט געפעלט צוויי חדשים וואס מען איז נישט געקומען אין בית המדרש, תשרי און ניסן. אין זעקס יאר, וואס שש שנים תזרע שדך, זעקס מאל צוויי חדשים, האט געפעלט א יאר. האט דער אייבערשטער געגעבן נאכדעם א יאר, משלים צו זיין די צוויי חדשים, וואס מען האט פארפעלט פון דעם גאנצן יאר. צוויי חדשים איז מען נישט געקומען אין בית המדרש, יעצט זאל זיין א יאר וואס זאל זיין כולו קודש פארן אייבערשטען. ושבתה הארץ שבת לה', שמיטה האט משלים געווען די צוויי חדשים וואס

**על הטוב יזכר**

ידידינו מוה"ר **אברהם מנחם פרענקל** הי"ו

**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לרגל אירוסי בתו הכלה תחי' למזל טוב

האט געפעלט פון יעדעס יאר, אז מען זאל זיצן אין בית המדרש און לערנען.

**די** תורה שרייבט דא בהר סיני, און רש"י ברענגט צו, מה ענין שמיטה אצל הר סיני, ווי קומט אהער הר סיני צו שמיטה. לויט ווי מען האט פריער גערעדט, שמיטה קומט צו הר סיני, ווייל דאס איז דער טעם פון שמיטה. אויף הר סיני האט מען געגעבן די תורה, און עס האט געפעלט צוויי חדשים פון לימוד התורה, האט דער אייבערשטער געגעבן שמיטה, משלים צו זיין וואס עס האט געפעלט פונעם הר סיני, פון לימוד התורה.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו סח.) זאגט נאך א שיינע נקודה, מה ענין שמיטה אצל הר סיני. רש"י זאגט מען איז מקיש, אזוי ווי שמיטה איז געגעבן געווארן כללותיה ופרטותיה מסיני, אזוי איז די גאנצע תורה געגעבן געווארן מסיני. זאגט דער הייליגער חתם סופר, משה רבינו האט אונז געגעבן די תורה, ווי אזוי ווייס מיר אונז אז וואס משה רבינו האט געזאגט, איז אלעס אמת, און ער האט עס באקומען פונעם אייבערשטען. אפשר האט משה רבינו געזאגט זאכן וואס ער האט נישט מקבל געווען פונעם אייבערשטען? פאר אונז איז נישט קיין קשיא, ווייל דער באשעפער האט צוגעזאגט פאר משה רבינו, וגם בך יאמינו לעולם (שמות יט-ט), אונז זענען געשטאנען ביים בארג סיני, אונז האב מיר געהערט ווי דער אייבערשטער רעדט צו משה רבינו, און ער האט אים געזאגט, זאג פאר יודען אזוי און אזוי און אזוי. דער אייבערשטער האט געטרויט משה רבינו, אז ער גייט איבער זיינע ווערטער, און ער האט אים צוגעזאגט וגם בך יאמינו לעולם, מען וועט שטענדיג גלייבן וואס דו וועסט זאגן. איך האב יעצט געוויזן אז איך רעד צו דיר, דו ביסט מיין באגלייבטער מענטש. אבער עס קען נאך אלץ בלייבן א טינא בלב, אפשר איז דא זאכן וואס איז נישט פונעם אייבערשטען.

**שמיטה** איז על כרחך נאר פונעם אייבערשטען אליין. פארוואס? ווייל דער פסוק (ויקרא כה-כ) זאגט, וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעת, הן לא נזרע ולא נאסף את תבואתנו, אז מען וועט איין יאר נישט ארבעטן, פון וואו וועט מען לעבן. איין יאר גייט מען נישט אריין אין דזשא"ב, פון וואו וועט מען האבן פרנסה? זאגט דער אייבערשטער, וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית, יעדע זעקסטע יאר וועט זיין דאפעלט תבואה, ועשת את התבואה לשלש השנים, עס וועט וואקסן מער פון אלע יארן, אז עס וועט זיין גענוג צו עסן לשלש השנים. די יאר, און א יאר שפעטער, און א יאר נאכדעם. דאס קען א בשר ודם נישט צוזאגן. איז מעגליך א בשר ודם זאל זאגן, האלט שמיטה, און איך זאג דיר צו, עס וועט וואקסן מער? עס איז דאך נישט שייך נאר אז דער אייבערשטער זאגט עס. שמיטה קען מען זיך נישט דינגען, אז דאס איז נישט געווען מפי ה', ווייל עס איז דא א ברכה דערפאר, וואס יעדער האט געזעהן א נס מן השמים, אז יעדע שנה השישית, איז געוואקסן לשלש השנים. איז דאך זיכער אז שמיטה איז געגעבן געווארן פונעם אייבערשטען. האט די תורה צוגעשטעלט בהר סיני, מה ענין שמיטה אצל הר סיני, פונקט ווי ביי שמיטה זעהסטו דאך אז כללותיה ופרטותיה איז געווען מסיני, ווייל טאמער זאל נאר זיין איין פרט אין שמיטה, וואס איז נישט איבערגעגעבן געווארן מסיני, וואלט דאך נישט געווען דער נס פון ועשת את התבואה לשלש השנה, מוז דאך זיין אז אלע כללות ופרטות וואס איז געגעבן געווארן ביי שמיטה, איז געווען מפי ה', פונעם אייבערשטען. האט די תורה געשריבן בהר סיני, דו זאלסט וויסן אז די זעלבע איז די גאנצע תורה, די גאנצע תורה וואס משה רבינו האט געגעבן, קומט פון מיר.

*

**איך** האב געזעהן שטיין פון **רבי משה פיינשטיין זצ"ל**, ער זאגט אביסל אנדערש. ער זאגט, פארוואס די תורה האט צוגעשטעלט שמיטה אצל הר סיני, שמיטה האט נישט קיין הסבר מיטן שכל, א מענטש האט א פעלד, און מען זאגט אים, שפאר צו דיין פעלד א יאר, און מען גייט נישט טון קיין ארבעט, עס איז אקעגן די הגיון, אקעגן דעם שכל. א מענטש האט א ביזנעס, און מען זאגט אים, שפאר צו די ביזנעס, פארליר אלע קאסטומערס וואס דו האסט, עס איז שמיטה, און טוה נישט קיין ארבעט. דער באשעפער האט דאך באשאפן א וועלט, אז מען זאל האבן פרנסה, און עס זאל זיין ישוב העולם, עס איז א מצוה מיישב צו זיין די וועלט, עס איז א מצוה מען זאל איינזייען, ואספת את תבואתה, ווי די גמרא זאגט, איז דאך אלעס מצוות פונעם אייבערשטען. און א מענטש דארף צוגרייטן, טון צו ישוב העולם,

און מען זאגט אים אז ער זאל אלעס אפשטעלן, איין יאר איז אלעס געשטארבן.

**עס** איז נאר וויל דער באשעפער האט אזוי געוואלט. עס איז דא סיבות פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, אבער אונז קען מיר נישט דערגיין, די אמת'דיגע סיבה אונז זאל מיר עס פארשטיין מיטן שכל. ווען א יוד גייט שמיטה, און ער מאכט צו זיין פעלד, ער טוט נישט קיין מלאכה אין שמיטה. ער טוט עס וויל ושבתה הארץ שבת לה' (ויקרא כה-ג), דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, איך פאלג דעם אייבערשטען. נישט וויל עס לייגט זיך אויפן שכל, אין גשמיות לייגט זיך נישט אין שכל אזא זאך אז מען זאל עס טון. קומט דאך אויס, שמיטה מאכט א יוד בלתי לה' לבדו, ער פארלירט זיין פרנסה, ער מאכט אלעס צו, דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן. אזוי דארף זיין די גאנצע תורה. די תורה האט צוגעשטעלט אלע מצות אין די תורה צו שמיטה, אפילו מצות וואס אונז פארשטייי מיר יא דעם טעם, טוט מען עס נישט וועגן דעם וויל מען פארשטייט דעם טעם, מען טוט די מצוה וויל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן.

**כיבוד** אב, איז א מצוה שכלי, אפילו א גוי איז דאס מקיים. עס קומט זיך, טאטע מאמע וואס האבן דיך ערצויגן, טאטע און מאמע האבן דיך געברענגט אויף די וועלט, איך דארף טון פאר די עלטערן וואס מען קען. ווען א יוד טוט עס, טוט ער עס נישט נאר פאר דעם וויל מען דארף זיין גוט צו טאטע מאמע, זיי זענען גוט צו מיר, ווי צוויי חברים, נאר ער טוט עס וויל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, דער באשעפער האט געהייסן מכבד זיין. ווי כאפט עס די נפקא מינה? אויב ער טוט עס נאר וויל די עלטערן זענען גוט צו מיר, דארף איך זיין גוט צו זיי, און ווען די עלטערן זענען נישט גוט צו מיר, ער האט טענות ותביעות וכדומה, און עס מאכט זיך סכסוכים וכדומה, שפירט ער זיך גרינגער אין חיוב פון כיבוד אב. פארוואס, וויל ער טוט מיר אויך נישט וואס איך האב געוואלט. - דאס איז ווען מען טוט עס אלץ מענטשליכער שכל, פאר מיין חבר בין איך גוט ווען דער חבר איז גוט צו מיר, און אז נישט, אינטערעסירט מיך נישט.

**מצוות** פון די תורה, אפילו א מצוה שכלי, וואס די תורה האט געהייסן, און דער שכל זאגט אזוי, אונז טוה מיר א מצוה פארן אייבערשטען, אן א הסבר! דו קענסט צומאכן דיין געשעפט, דיין פעלד, פאר א גאנץ יאר, וויל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן, אזוי דארף זיין כל התורה כולה. יעדע זאך וואס איז א מצוה שכלי, לא תונו איש את עמיתו (ויקרא כה-יז), טשעפע נישט יענעם. יענער האט מיך געטשעפעט, ער איז נישט מיין גוטער חבר, פארוואס זאל איך אים נישט טשעפענען, וכדומה? דו טוסט עס נישט וועגן דעם וויל דו טוסט עס פאר יענעם, דו טוסט עס וויל דער אייבערשטער האט געהייסן מען טאר עס נישט טון. יענער האט דיר געגעבן א פאטש, נאכדעם געבסטו אים צוריק א פאטש, האסטו עובר געווען אויף א לאו. איי יענער האט מיר געגעבן, עס קומט זיך אים צוריק, עס קומט זיך אים נישט צוריק. אבער על כל פנים ער קען זיך פארענטפערן אז עס קומט זיך צוריק. אונז טוה מיר יעדע מצוה, אן קיין חשבונות, דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן! דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט שמיטה אצל הר סיני, פונקט ווי שמיטה טוט מען חוץ פון דעם שכל, אזוי דארף זיין אלע מצות פון די תורה.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית

פרשת בהר תשפ"ד לפ"ק

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, עס איז דא א מחלוקת אין די גמרא (ברכות לה:), אין איין פסוק (דברים יא-יד) שטייט ואספת דגנך, און איינמאל שטייט אין פסוק (יהושע א-ח) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, די תורה זאל זיך קיינמאל נישט אפטון פון דיין מויל, מען טאר נישט מבטל זיין פון תורה. ווען דו קענסט רעדן, רעד אין דברי תורה. זאגט רבי ישמעאל, יכול דברים ככתבן, אז מען קען נישט גיין צו די ארבעט, וויל מען דארף זיצן אין בית המדרש און לערנען. תלמוד לומר ואספת דגנך, די תורה גיט

דיר רשות, דו דארפסט טון דיין ארבעט, הנהג בהם מנהג דרך ארץ, גיי טוה דיין ארבעט, זיי מקיים בכל דרכיך דעהו (משלי ג-ו), די כוונה זאל זיין לשם שמים, און מען מעג מבטל זיין פון תורה פאר חיי שעה.

**רבי** שמעון בן יוחאי זאגט, אז מען טאר נישט. אפשר אדם חורש בשעת חרישה, וזורע בשעת זריעה וכו', תורה מאי תהא עליה, וואס וועט זיין מיט די תורה. אלא לא ימוש התורה הזה מפיך, מען דארף לערנען תורה שטענדיג, איי עס שטייט דאך ואספת דגנך, ווען עס איז ישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים, מען מוז עס נישט טון אליין, דער באשעפער וועט דיר צו שיקן, שנאמר (ישעיה סא-ה) ועמדו זרים ורעו צאנכם. - קומט אויס אז עס איז א מחלוקת רבי ישמעאל מיט רבי שמעון בן יוחאי, רבי ישמעאל האט געהאלטן אז א מענטש מעג עוסק זיין אין פרנסה, און מבטל זיין פון תורה. און רבי שמעון בן יוחאי האט געהאלטן אז מען טאר נישט מבטל זיין פון תורה, איי ואספת דגנך, דער באשעפער וועט צוהעלפן, אז אנדערע וועלן טון די ארבעט.

**זאגט** די גמרא דערויף, הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, אסאך האבן געטון אזוי ווי רבי שמעון בן יוחאי, און זיי האבן עס נישט געקענט אדורכפירן. עס איז נישט געזאגט געווארן פאר יעדן אז ער קען זיצן און לערנען, און עס וועט זיין ועמדו זרים ורעו צאנכם. הרבה עשו כרבי ישמעאל, ועלתה בידן, די וועג פון רבי ישמעאל איז א אויסגעהאלטענער וועג, דאס קען יעדער נאכטון. מען קען זיצן און לערנען ווען ער האט פרייע צייטן, און ווען ער איז עוסק אין פרנסה, נעמט ער אראפ די צייט פון עוסק זיין בפרנסה. - און אזוי האט די וועלט געטון, און די יודען וואס רבי שמעון האט געזעהן ווען ער איז ארויס פון די מערה, האבן אויך אזוי געטון, זיי זענען געווען מניחים חיי עולם ועוסקין בחיי שעה, וואס די תורה האט מתיר געווען אז מען מעג.

**קומט** דאך אויס, אז לויט רבי שמעון בן יוחאי טאר א מענטש נישט אוועקגעבן קיין צייט פאר עולם הזה. ווען רבן שמעון בן יוחאי איז ארויסגעגאנגען פון די מערה מיט רבי אלעזר, וואס רבי אלעזר האט דאך געהאלטן אזוי ווי דער פאטער רבי שמעון בן יוחאי, איז כל מקום שנתנו עיניהם, מיד נשרף, עס איז פארברענט געווארן, ווייל לא ימוש ספר התורה הזה מפיך. - די גמרא זאגט דאך אבער, אז הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, מען קען נישט אזוי טון, דאס איז א וועג וואס איז געגעבן געווארן פאר יחידי סגולה, יששכר איז געזעסן און געלערנט, אבער זבולון האט עוסק געווען בפרנסה, און מחזיק געווען יששכר.

**וואס** דער ביאור דערפון איז, עס שטייט אין מדרש (שמו"ר ה-ט), קול ה' בכח (תהלים כט-ד), קול ה' בכוחו לא נאמר, עס שטייט נישט אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה מיט זיין כח, נאר קול ה' בכח, בכוחו של כל אחד ואחד. ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, האט ער צוגעפאסט די תורה פאר יעדן יוד לויט זיין כח. עס איז נישט דומה א מענטש וואס איז געזונט, צו ל"ע א מענטש וואס איז קראנק. מען בעהט נישט פון א קראנקען אז ער זאל טון דאס וואס מען קען בעטן פון א געזונטן מענטש. מען קען נישט בעטן פון א אלטן יוד זאל טון דאס וואס מען קען טון אין די יוגענט. מען קען נישט בעטן איינער וואס האט נישט קיין פרנסה זאל טון די זעלבע זאך ווי איינער וואס האט יא פרנסה. קול ה' בכח, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה לפי כוחו של כל אחד ואחד. וואס דו קענסט, וויפיל דו קענסט, אויף אזויפיל האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה. - הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי, יעדער זאל נאכמאכן רבי שמעון בן יוחאי, קיינער וועט נישט גיין צו די ארבעט, יעדער וועט זיך אריינזעצן אין בית המדרש, דאס איז א זאך וואס איז נישט דורכפירבאר אין עולם הזה. אבער מיעוטים, די וואס קענען עס יא באווייזן, ווי רבי שמעון בן יוחאי וחביריו, וואס זענען געווען תורתם אומנתם, זיי קענען עס באוויזן, ביי זיי איז טאקע דא א חיוב פון לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, און ועמדו זרים ורעו צאנכם, אנדערע וועלן טון די ארבעט.

**ווען** רבי שמעון בן יוחאי איז ארויסגעקומען, און ער האט געזעהן אז מענטשן זענען כרבי וזרעי, האט עס רבי אלעזר נישט אויסגעהאלטן, מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. האט אים רבי שמעון געזאגט, די לעולם אני ואתה, ער איז צוגעקומען צו די הכרה וואס די גמרא זאגט שפעטער, אז הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה בידם, נאר עס איז דא מיעוטים, ראיתי בני עליה והם מועטים, וואס זיי

קענען עס באוויזן. איך מיט דיר קענען עס באווייזן, אז מען קען זיצן דרייצן יאר אין א מערה און לערנען תורה אזוי ווי זיי האבן געלערנט. זיי קענען דאס באוויזן אז עס וועט זיין ועמדו זרים ורעו צאנכם, אבער כלל ישראל קען דאס נישט באווייזן. כלל ישראל דארף ברענגען פרנסה אין שטוב, און די פרייע צייט אוועקגעבן פאר תורה.

*

**עס** שטייט אין **נועם מגדים** (ריש פרשת ויקהל), מען געפונט אסאך מאל אין די תורה, ווי עס ווערט דערמאנט שבת, ווערט עס אנגערופן מיטן נאמען 'שבת לה'', און מען געפונט אסאך מאל אין די תורה וואס שבת ווערט אנגערופן 'שבת שבתון', א דאפעלטער שבת. עס איז דא פסוקים וואס שטייט אזוי, און פסוקים וואס עס שטייט אזוי. ווי עס שטייט אין פסוק אז מען זאל טון ארבעט זעקס טאג, ששת ימים תעבוד, שטייט נאכדעם וביום השביעי שבת לה' (שמות כ-ט). אין די פסוקים וואס עס שטייט ששת ימים תיעשה מלאכה, עס זאל געשעהן די מלאכה, דארט שטייט וביום השביעי שבת שבתון לה' (שמות לה-ב, ויקרא כג-ג). זאגט דער נועם מגדים, ווען א יוד פירט זיך ווי רבי שמעון בן יוחאי וואס איז געווען תורתו אומנתו, איז ביי אים די גאנצע וואך שבת, ער טוט דאך נישט קיין ארבעט, ער זיצט אין בית המדרש און ער לערנט. ואספת דגנך איז געזאגט געווארן פאר עמדו זרים ורעו צאנכם, אבער ער זיצט און לערנט. איז באמת ביי אים די גאנצע וואך אזוי ווי שבת. וואס געשעהנט שבת? שבת איז ביי אים א שבת שבתון, עס איז א העכערע מדריגה. א גאנצע וואך איז ער געווען עושה רצונו של מקום, איז ער צוגעקומען צו א הויכע מדריגה אינדערוואכן אויך. וועגן דעם ווערן תלמידי חכמים אנגערופן, אז זיי זענען אין די בחינה פון שבת (זוה"ק ח"ג קכד.), ווייל ביי אים איז א גאנצע וואך שבת. און ווען עס קומט דער שבת, ווערט א שבת שבתון, ער איז אין גאר א הויכע מדריגה. אבער די וואס זענען אין די מדריגה פון ששת ימים תעבוד, ער דארף אליין טון די ארבעט, עס איז נישט קיין עמדו זרים ורעו צאנכם, דארט איז וביום השביעי שבת לה' אלקיך, שבת איז שבת. ווען די גאנצע וואך איז שבת, דעמאלטס איז ביי אים דער שבת, א שבת שבתון.

**דער קרן לדוד** (פרשת וישב) טייטשט, עשה שבתך חול, ואל תצטרך לבריות (שבת קיח.), עשה שבתך חול, מאך די וואכן טעג זאל אויך זיין שבת, זעה עס זאל זיין תורתו אומנתו, עס זאל זיין עושין רצונו של מקום, אז דו זאלסט קענען אוועקגעבן די גאנצע וואך, עס זאל ווערן אזוי ווי שבת, ווייל תלמידי חכמים זענען דאך א בחינה פון שבת. איי וואס וועט זיין מיט פרנסה, ואל תצטרך לבריות, דער באשעפער וועט דיר געבן, ועמדו זרים ורעו צאנכם, דו וועסט נישט זיין אנגעוויזן לבריות. עשה שבתך חול, נעם אריין די וואכענדיגע טעג, און מאך דערפון שבת. - קומט אויס, אז ביי פשוטע יודען וואס א גאנצע וואך זענען זיי עוסק אין פרנסה, ווען עס קומט שבת, איז איין שבת. און נאכדעם איז דא וואס עס איז א שבת שבתון, א דאפעלטער שבת.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון שבת ביי די עשרת הדברות. אין די דברות ראשונות שטייט (שמות כ-ח) זכור את יום השבת לקדשו, און אין די דברות אחרונות שטייט (דברים ה-יב) שמור את יום השבת לקדשו. עס קען דאך נישט זיין א סתירה אינעם דיבור פונעם אייבערשטען, זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו (ראש השנה כז.). זכור ושמור איז געזאגט געווארן צוזאמען. אז עס איז בדיבור אחד נאמרו, פארוואס אין דברות ראשונות ווערט דערמאנט 'זכור', און אין דברות אחרונות ווערט דערמאנט 'שמור'.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז. ווען די יודען האבן מקבל געווען די תורה, זענען זיי געווען אין די העכסטע מדריגה, זיי זענען ארויסגעקומען פון מצרים אין מדבר, און מען האט געדינט דעם אייבערשטען, עס איז געווען עושין רצונו של מקום. ווען מען איז געקומען צו קבלת התורה, האבן זיי מקדים געווען נעשה פאר נשמע, אני אמרתי אלקים אתם (תהלים פב-ו), בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, זענען זיי געווען אלקים, זיי זענען געווען אזוי ווי מלאכי השרת, עס איז געווען נעקר יצר הרע מלבם (שהש"ר ז-ח), עס איז פסקו מהם מיתה, ווי די גמרא (עבודה זרה ה.) זאגט, מען איז געווען ממש ווי מלאכים אויף די וועלט. אז מען איז אזוי ווי מלאכים אויף די וועלט, און עס איז געווען נעקר יצר הרע מלבם, עס איז געווען עושין רצונו של מקום, האט מען גארנישט געדארפט טון פאר פרנסה א גאנצע וואך אויך נישט, ווייל ווען עס איז עושין רצונו של מקום איז דאך עמדו זרים ורעו צאנכם. קומט אויס אז די גאנצע וואך איז געווען

ביי יודען אזוי ווי שבת. און ווען שבת איז געקומען, האט מען נאר געדארפט געדענקען דעם שבת, אז היינט איז שבת, עס איז א העכערער טאג ווי די איבריגע טעג, אבער אין שמירה איז נישט געווען קיין חילוק צווישן שבת און פרייטאג, ווייל פרייטאג האט ער אויך נישט געטון קיין מלאכה, און דאנערשטאג האט ער אויך נישט געטון קיין ארבעט. ווען עס איז עושין רצונו של מקום, איז דאך לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, די תורה איז דאך געווען אין מויל, און אז די תורה איז געווען אין מויל, האט מען נישט געטון קיין מלאכה. האט דער אייבערשטער נישט געזאגט שמור את השבת לקדשו, ווייל שמירה איז דאך טייטש, היט דיך אפ, טוה נישט קיין מלאכה, ער האט א גאנצע וואך אויך נישט געטון קיין מלאכה. ווען דער שבת איז געקומען האט מען נאר צוגעגעבן זכור את השבת לקדשו, ביז יעצט אז דו האסט געוואלט טון א מלאכה האסטו געקענט טון, אבער יעצט זאלסטו געדענקן אז עס איז שבת, און דו טארסט נישט טון קיין מלאכה. אבער אין עצם שמירה איז נישט געווען קיין חילוק צווישן דער וואכן און שבת. די גאנצע וואך איז געווען ביי אים שבת, און דער שבת איז געווען ביי אים א שבת שבתון, האט דער אייבערשטער געזאגט זכור את יום השבת לקדשו.

**ווען** יודען האבן געזינדיגט מיטן עגל, האט מען דאך צובראכן די לוחות, איז מען דאך צוריקגעגאנגען צו זייער מדריגה וואס זיי זענען געווען פריער, אני אמרתי אלקים אתם, אכן חבלתם מעשיכם, מען האט מחבל געווען די מעשים, און מען איז געבליבן כבני אדם. אכן כאדם תמותון, קומט דאך אויס, אז אינדערוואכן איז שוין נישט יעדער געווען דער עושין רצונו של מקום, און ווען עס קומט שבת האט מען געדארפט האבן א איסור אויף די שמירה אליין. אינדערוואכן האסטו געטון א מלאכה, היט יעצט אפ דעם שבת. וועגן דעם איז אין די דברות אחרונות געטוישט געווארן פון זכור אויף שמור. דברות ראשונות, בשעת מען האט נישט געטון קיין מלאכה די גאנצע וואך, ווייל ווען מען איז עושין רצונו של מקום, איז עמדו זרים ורעו צאנכם, האט מען נישט געזאגט שמור היט אפ דעם שבת, מען האט נאר געזאגט זכור, דו דארפסט נאר געדענקן אז עס איז שבת. אבער דברות אחרונות ווען זיי זענען צוריקגעגאנגען צו דעם וואס זיי זענען געווען פריער, איז שוין געקומען די מצוה פון שמור.

**קומט** דאך אויס, אז 'זכור' דאס ווייזט אויף די געהויבענע יודען, וואס א גאנצע וואך טוען זיי אויך נישט קיין מלאכה, און ווען עס קומט שבת איז ביי זיי 'זכור'. 'שמור' דאס ווייזט אויף די פשוטע יודען, אויף די וואס טוען א גאנצע וואך ארבעט. און ביים אייבערשטען זענען ביידע חשוב, דער זכור מיטן שמור זענען בדיבור אחד נאמרו, סיי דער וואס קען טון און ער זיצט באהלה של תורה, און עס ווערט ביי אים מקויים דער ועמדו זרים ורעו צאנכם, זיינע עניני עולם הזה ווערן געטון דורך אנדערע, דאס איז דער 'זכור'. און די זעלבע דער 'שמור', וואס א גאנצע וואך דארף ער טון די ארבעט, נאר ווען עס קומט שבת היט ער שבת, זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו, דער באשעפער האט עס געגעבן אין איין דיבור, צו ווייזן אז דער אייבערשטער גיט די תורה לפי כחו, לויט יעדן מענטש. דער וואס קען טון דעם 'זכור' דארף טון 'זכור', און ווער עס קען טון 'שמור' דארף טון 'שמור', אבער ביים אייבערשטען אז יעדער האט געטון וואס זיין כח איז געווען, זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו.

**דער** ההוא סבא האט געברענגט צוויי הדסים, איינס אקעגן 'זכור' און איינס אקעגן 'שמור', מיט דעם האט ער דאך געלערנט אז זכור און שמור גייען אינאיינעם. סיי דער וואס קען אוועקגעבן דעם גאנצן וואך פאר תורה, דאס איז דער 'זכור'. און סיי דער 'שמור' וואס א גאנצע וואך איז ער עוסק אין עולם הזה, און די שמירה הייבט זיך ערשט אן אין שבת, ביידע זענען צוזאמען. ער האט גענומען די צוויי הדסים צוזאמען. - און ער האט עס געברענגט אין א הדס, ווייל א הדס ווייזט אויף מעשה צדיקים, די גמרא (מגילה יג.) זאגט, אז צדיקים זענען נמשלו להדסים. מרדכי איז מר דרור, אסתר איז געווען הדסה. ער האט געוויזן אז די צוויי בחינות סיי 'זכור' און סיי 'שמור' זענען ביים אייבערשטען חשוב, ביידע זענען הדסים, פון ביידע קומט ארויס א ריח טוב פארן אייבערשטען, סיי פון דעם וואס איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה, און סיי דער וואס האט נישט דעם זכות, אבער ער זיצט אין תורה אין די פרייע צייטן, און ער איז עוסק אין פרנסה, זענען ביידע די זעלבע.

**יתיב** דעתייהו, מיט דעם האבן זיי זיך בארוהיגט, זיי האבן געזעהן אז מען קען נישט האבן קיין טענות אויף די וואס זענען מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי

שעה, אז מען טאר נישט עוסק זיין בחיי שעה. ווייל די תורה האט דאך געגעבן זכור מיט שמור, פאַרוואס האט די תורה אפגעטיילט זכור מיט שמור, פאַרוואס שטייט נישט נאר זכור. איז דאך דאס נאר אז די וואס ארבעטן א גאנצע וואך זאלן האבן א שמירה. פון זכור ושמור וואס דאס איז געווען בדיבור אחד, און עס האט א ריח טוב ביים אייבערשטעןביידע, חזי כמה חביבין מצות על ישראל, פון דעם וועסטו זעהן ווי חביב עס איז מצוות אויף יודען.

*

**איך** האב געזעהן צוברענגען פון **תולדות יעקב יוסף** (פרשת ויצא), ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, ויפגע במקום (בראשית כח-י). יעקב אבינו איז דאך אנטלויפן פון עשו, און ער האט זיך קודם אריינגעזעצט אין בית המדרש פון שם ועבר אויף פערצן יאר (ב"ר סח-יא), און נאכדעם האט ער געמוזט ארויסגיין צו לבן אין שטוב, אזוי ווי די תורה פאַרציילט. זאגט דער הייליגער תולדות, ווען יעקב אבינו איז ארויסגעקומען נאך פערצן יאר זיצן אין בית המדרש פון שם ועבר, איז ער ארויסגעקומען מיט אזא בליק ווי רבי אלעזר מיט רבי שמעון זענען ארויסגעקומען פון די מערה. ער האט אנגעהויבן צו זעהן וואס עס טוט זיך אינדרויסן, אז מען ארבעט, מען איז אין עולם הזה, וואו ער האט געגעבן זיינע אויגן, איז געקומען א חרון אף! ער האט עס נישט געקענט פאַרשטיין. ויצא יעקב, זאגט דער תולדות, ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען נאך פערצן יאר אין בית המדרש פון שם ועבר, וילך, וואו ער איז געגאנגען, חרנה, איז געווארן א חרון אף. פונקט ווי עס איז געווען ביי רבי אלעזר מיט רבי שמעון ווען זיי זענען ארויסגעקומען, אזוי איז געווען ביי יעקב אבינו ווען ער איז ארויסגעקומען. יהיב דעתיה למהדר, להחריב עולמי יצאתם, מען דאַרף צוריקגיין. רבי אלעזר מיט רבי שמעון זענען אויך צוריקגעגאנגען אויף א יאר, יהיב דעתיה למהדר, ער האט געוואלט צוריקגיין צוריק אין בית המדרש. - קומט אויס, אז דער ענין וואס איז געווען ביי רבי אלעזר מיט רבי שמעון, דאס איז אויך געווען ביי יעקב אבינו. מען זיצט אזויפיל יאר אין בית המדרש און מען גייט נישט ארויס, קומט מען צו, צו די השגה ווי עס איז געווען ביי רבי שמעון מיט רבי אלעזר, אז מען קען נישט פאַרשטיין מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה.

**קודם** מסביר צו זיין די ווערטער פונעם תולדות, וואס איז טייטש אז ווי ער איז געגאנגען איז געווען א חרון אף. ווען רבי שמעון איז ארויסגעגאנגען האט ער געזעהן ווי אזוי 'יודען' ארבעטן אין די פעלדער, זיי דאַרפן גיין אין בית המדרש לערנען. אבער ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען, האט ער געזעהן 'גוים' ארבעטן, וואס איז געווען דער חרון אף, אז זיי לאזן איבער חיי עולם. זיי האבן דאך נישט קיין חיי עולם, זיי האבן נאר חיי שעה.

**דער** פשט דערפון איז, יעקב אבינו האט זיך מתבונן געווען, אז אזוי וועלן שפּעטער אויסקוקן זיינע קינדער, ווען עס וועט זיין א כלל ישראל, האט ער תיכף געזעהן אז עס וועט אויך זיין אזוי ווי ער זעהט יעצט, מען וועט עוסק זיין אין עניני עולם הזה. ממילא וילך חרנה, איז געווען א חרון אף, וואו ער איז געגאנגען. און יהיב דעתיה למהדר.

**מען** קען אפשר צוגעבן דערצו, יהיב דעתיה למהדר, ער איז אבער נישט צוריק געגאנגען, קפצה לו הארץ, אזוי זאגט דאך די גמרא (חולין צא:). עס איז דא א טייער ווארט פונעם הייליגן **ערוגת הבשם** (פ' חיי שרה), די מדרש (ב"ר ה-ח) זאגט, אז אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, האט א נאמען. למה נקרא שמה ארץ, פאַרוואס ווערט די וועלט אנגערופן 'ארץ', עס איז א לשון ריצה, שרצתה לעשות רצון קונה, ווייל זי איז געלאפן, צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. צו עס איז א לשון פון רצון, זי האט געוואלט מאכן דעם רצון פונעם אייבערשטען. די גמרא (חגיגה יב.) פאַרציילט, אז בשעת דער אייבערשטער האט געזאגט אז עס זאל ווערן א וועלט, האט זיך די וועלט אנגעהויבן צו צושפּרייטן אן א שיעור פון אלע זייטן, ביז דער אייבערשטער האט עס אנגעשריגן, עס איז גענוג. עמודי השמים ירופפו, ויתמהו מגערתו (איוב כו-יא), דער באשעפער האט געגעבן א געשריי אז עס זאל זיך אפּשטעלן.

**שטעלט** זיך דער ערוגת הבשם, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, זאגט די גמרא (חולין ס.), לדעתם ולצביונם נבראו, דער באשעפער האט נישט באשאפן קיין שום זאך אויף די וועלט, ביז ער האט נישט קודם געפרעגט די זאך אליין, צו די שר פון די זאך, צו ער איז מסכים ער זאל אים באשאפן. און נאכדעם האט ער אים געפרעגט,

צו ער וויל ער זאל באשאפן ווערן אויף דעם וועג. ער האט געפרעגט א הונט, צו ער וויל באשאפן ווערן ווי א הונט. און א קאץ האט ער געפרעגט צו ער וויל זיין ווי א קאץ וכדומה, יעדע בעל חי ווי אזוי ער איז. און זיי האבן מסכים געווען אזוי צו באשאפן ווערן. די ארץ האט אויך מסכים געווען. וואס איז די חשיבות פון דעם ארץ, אז עס איז רצתה לעשות רצון קונה.

**זאגט** דער הייליגער ערוגת הבשם, פאר דעם ארץ האט מען געזאגט, איך וויל באשאפן א ערד. וואס איז די ערד? עפר מן האדמה, די נידריגסטע וואס איז דא אין די בריאה, איז עפר. יעדער גייט טרעטן אויף אים, און יעדער גייט שפייען אויף אים, און אלעס קומט אן אין די ערד. די וועלט באשטייט פון אש, מים, רוח, עפר. עפר איז די שוואכסטע פון אלעם. דער עפר האט געקענט זאגן פארן אייבערשטען, פארוואס ווילסטו מיך באשאפן פאר עפר, איך וויל זיין א שמים, איך וויל זיין א הימל, איך וויל זיין פון די צבא השמים, איך וויל זיין נאנט צו דיר, דו שיקסט מיך אראפ אויף די וועלט, איך זאל באשאפן ווערן אן עפר, די נידריגסטע וואס איז דא. אבער די עפר האט מסכים געווען, איך בין גרייט צו באשאפן ווערן עפר. די עפר האט געזאגט פארן אייבערשטען, איך האב נישט קיין שום רצון וואס איך וויל זיין, איך וויל טון דיין רצון! אז דו ווילסט איך זאל באשאפן ווערן א ערד פון עפר, איך שטעל זיך צו, צו דיר, און איך טוה עס מיטן גאנצן רצון, רצתה לעשות רצון קונה. די גאנצע בריאה האט געוואלט טון רצון קונה, אבער די גאנצע בריאה וואס טוט רצון קונה, זענען אלע מער ווי דער עפר, זיי זענען כאטש באשאפן געווארן מיט עפעס א חשיבות. דער עפר וואס איז גרייט צו זיין א עפר, דער אייבערשטער וויל באשאפן אן אדמה, שטעל איך זיך צו, צו וואס דער אייבערשטער וויל, דאס איז א חשיבות וואס איז רצתה לעשות רצון קונה. - קומט אויס, אז די ערד לערנט אונז, אז א יוד דארף שטענדיג זיין מרוצה אין דעם וועג פונעם אייבערשטען.

**דער** ערוגת הבשם גיט צו, און ער זאגט, דער אייבערשטער האט באשאפן פארשידענע מענטשען. עס זענען דא מענטשן וואס זענען זוכה צו זיצן באהלה של תורה, און מענטשן וואס זענען נישט באהלה של תורה. מענטשן וואס פלאגן זיך, און מענטשן וואס פלאגן זיך נישט. און א מענטש קען אסאך מאל האבן א תביעה אויפן אייבערשטען, דו האסט מיך ארייננגעשטעלט אין אזא מצב אויף די וועלט, וואס איך קען נישט אויפטון וויפיל איך וואלט געוואלט אויפטון. איך קען נישט צוקומען צו וואס איך האב געטראכט איך וועל צוקומען, און איך בין אזוי ווי איך בין. דעמאלטס דארף מען זיך אראפלערנען די מדה פונעם ארץ, די ארץ איז געווען די נידריגסטע וואס איז דא, אבער אז דאס איז דעם אייבערשטען'ס רצון, איז א מענטש מקבל. פאר א מענטש דארף נישט זיין א חילוק וואס דער אייבערשטער גיט אים, ער דארף אלעס מקבל זיין אזוי ווי עס איז.

**איך** האב געזעהן לעצטנס שטיין פון רבי מענדל פאטערפאס, ער איז געווען א רוסישער יוד, א ליובאוויטשער חסיד, א דערהויבענער יוד, ער איז ארויסגעקומען אין די שפעטערע יארן. ער איז געזעסן אין תפיסה אין רוסלאנד, און ער איז געזעסן מיט אסאך געלערנטע גוים, דאקטוירים מיט פראפעסארן וואס מען האט זיי ארייננגעשטעלט אין תפיסה אין רוסלאנד, ווייל זיי האבן נישט מיטגעהאלטן מיט די רעגירונג. און זיי זענען געזעסן דארט א קופקע צווישן זיך, און זיי האבן אויסגעשמועסט זייער גרויסע ווייטאג וואס זיי האבן פון זייער מצב. איינער האט געזאגט, ער איז געווען א דאקטער וואס מען איז געשטאנען ביי אים וואכן אז מען זאל קענען צו אים צוקומען. דער אנדערער האט געזאגט, איך בין געווען א פראפעסאר, וואס יעדער האט זיך גערעכנט מיט מיר. איינער האט געזאגט, איך בין געווען א צייטונג שרייבער וואס טויזנטער מענטשן האבן ארויסגעקוקט יעדן צופרי אויף מייןווארט וואס איך זאג, און קוק ווי איך זיץ דא יעצט אין די תפיסה. און דער רבי מענדל איז געווען שטיל. רופט זיך אן איינער פון די גוים פאר דעם רבי מענדל, און ער זאגט אים, דו האסט גארנישט פארלוירן אז דו ביסט דא. דו ביסט א יוד, וואס האסטו געהאט פארדעם, וואס דו האסט נישט נאכדעם, איך זעה אז דו רעדסט זיך גארנישט אפ. זאגט ער, איך רעד זיך נישט אפ, ווייל איך בין געווען א עבד ה' אינדרויסן פון תפיסה, און איך בין א עבד ה' יעצט! עס האט זיך ביי מיר גארנישט געטוישט, איך האב זיך נישט וואס אפצורעדן, איך בין נאר דא צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. אז ער וויל אז איך זאל זיין אינדרויסן, בין איך אינדרויסן, אז ער וויל איך זאל זיין אין תפיסה, בין איך אין די תפיסה.

איך בין אן עבד ה' וואו איך בין. אין וואס פארא מצב איך בין, בין איך דער זעלבער, עס האט זיך ביי מיר גארנישט געטוישט. - און דאס איז ארץ, שרצתה לעשות רצון קונה, די ארץ האט געזאגט, עס איז מיר נישט קיין חילוק וואס דער אייבערשטער באשאפט מיך, וואס דו ווילסט, וועל איך טון דיין רצון, זי איז געלאפן מיט א חשק טון רצון קונה. - קומט אויס, אז דער ארץ לערנט אונז, אז א מענטש דארף זיין צופרידן אין וואס פארא מצב דער אייבערשטער שטעלט אים אריין.

**יעקב** אבינו איז ארויסגעקומען פון בית המדרש פון שם ועבר, און ער האט געזעהן אז נישט יעדער איינער זיצט באהלה של תורה, כרבי וזרעי, מען טוט אין עולם הזה. יהיב דעתיה למיהדר, און ער האט געוואלט צוריק גיין אין בית המדרש לערנען, ווי רבי אלעזר מיט רבי שמעון האבן געוואלט צוריק גיין. מיד קפצה לו הארץ, עס איז אים אקעגן געקומען דער ארץ. דער ארץ לערנט אונז, אז א יוד דארף זיין צופרידן אין יעדן מצב ווי אזוי עס איז. אז מען קען נישט זיין באהלה של תורה, דארף מען דינען דעם אייבערשטען אויף דער גאס. און אז מען קען נישט טון 'די' ארבעט, טוט מען וואס דער אייבערשטער וויל די צווייטע ארבעט. וואס דער אייבערשטער איז מיר מזמין, דאס בין איך גרייט צו טון. קפצה לו הארץ, עס איז אים אקעגן געקומען דער ארץ, און דאס האט אים געזאגט, דו קענסט טאקע נישט זיין יעצט מער אין בית המדרש, דו גייסט צו לבן, און דו גייסט אנהייבן יעצט א נייע לעבן. דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, און אז דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, איז קפצה לו הארץ. - און דאס איז געווען וואס רבי שמעון האט געזאגט, די לעולם אני ואתה, פאר אונז איז געגעבן געווארן אונז זאל מיר קענען פירן אזא לעבן פון עמדו זרים ורעו צאנכם, אבער פאר כלל ישראל איז געגעבן געווארן צו טון חיי שעה. יכול דברים ככתבם, תלמוד לומר ואספת דגנך.

**איך** האב געזעסן שטיין אין די מפרשים, ער האט געזאגט די לעולם אני ואתה, די גמרא (סוכה מה:) זאגט, אז רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט, יכול אני לפטור את העולם מן הדין מיום שנבראתי עד עתה, ער מיט רבי אלעזר צוזאמען, קענען פטר'ן די גאנצע בריאה מן הדין. זאגט ער, דו רעדסט דיך אפ אז די מענטשן טוען נישט ווי עס דארף צו זיין, זיי זענען מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. די לעולם אני ואתה, איך מיט דיר וועלן אפווישן די אלע עבירות. אונז קען מיר אוועקנעמען די אלע דינים וואס איז דא. רבי שמעון האט דאך געזאגט, אז ער מיט זיין זון קענען פטר'ן את העולם מן הדין. אז דו האלטסט אז עס איז דא א דין אויף זיי, די לעולם אני ואתה, רבי שמעון בן יוחאי טוט אוועקנעמען אלע דינים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, כלל ישראל דארף האבן אזויפיל רחמים, אין ארץ ישראל און אין אלע מקומות וואו מען איז. דער באשעפער זאל העלפן אי"ה, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף האבן, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. און ארויסנעמען פון רבי שמעון'נען, די לעולם אני ואתה, יעדער איינער האט זיין תפקיד וואס דער אייבערשטער האט אים געשיקט, און זעהן אויסצופירן אין זיין מקום וואו ער געפונט זיך, טון זיין שליחות פארן אייבערשטען, און ער זאל האבן אן הצלחה אין וואס ער טוט. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, דער זכות פון רבי שמעון זאל ממשיך זיין השפעות טובות אויפן גאנצן כלל ישראל, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.